# מענטשן

מענטשן איינגעהילט אין וואַכעדיקן גרויל,
באַעוולהטע, מיט מידע הענט און מידע ברעמען,
איך עס מיט זיי און שלאָף מיט זיי צוזאַמען,
איז מיר אומעטיק, איז אויך מיר וויל.

וואָס ווי זיי איך בין אויך איבעריק און קליין,
וואָס אין מיין אויג אויך שטאַנט זיך באַדויער,
איך בין אַ שותּף צו זייער טרויער,
אַן איינגענער ביי זייערם אַ געוויין.

כ׳האָב פּלייצעס וויליקע, עס וועט דער עול
וואָס מאַטערט זיי, מיך נישט פאַרמיידן
איינצושפּאַנען אויך אין זעלביקן געשפּאַן.

איז מיר אומעטיק, איז אויך מיר וויל,
וואָס געקומען בין איך נישט זיך שיידן,
וואָס געקומען בין איך דאָ צו זיין.